בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

קרח תשפ"ה

גליון 243



אַײערע קִינְדער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייינער קוואל

## פוּן 'אֶרֶץ' וֶוערְט 'שָׁמַיִם'

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, עֶר הָאט גֶעקֶענְט זֵייעֶר אַסאךְ לֶערְנֶען, סַיי תּוֹרָה שֶׁבַּנִּגְלֶה אוּן סַיי תּוֹרָה שֶׁבְּנִסְתָּר, דֶערְצוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל יַחְסָן - אַ שֵׁיינֶע יִחוּס הָאט עֶר גֶעהַאט, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט רַייכְקַייט, אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עוֹשֶׁר אִיז עֶר גֶעוֶוען, עֶר הָאט פַארְמָאגְט גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוּן נָאךְ רִיזִיגֶע פַארְמֶעגְנְס, עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט.

אִין אֵיין גְרִינֶעם טָאג, אִיז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מִיט זֵייעֶרֶע פַארְמֶעגְנְס פַארְשְׁוואוּנְדְן אוּן אוֹיסְגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן. אִיךְ גְלֵייבּ אַז אַלֶע קִינְדֶער כַאפְּן גְלַייךְ פוּן וֶועמֶען מִיר רֶעדְן, פוּן קֹרַח אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשֶׁה. חֲזַ"ל זֶענֶען מְגַלֶּה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי נוֹשְׂאֵי הָאָרוֹן. וִוי בַּאוואוּסְט אִיז שֵׁבֶט לֵוִי גֶעוֶוען דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דִי מִשְׁכָּן מִיט אַלֶע כֵּלִים, דִי קְרָסִים, דִי קְרָשִׁים אוּן אֲדָנִים, שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן אַ חֵלֶק גֶעטְרָאגְן דִי כֵּלִים, דִי מְנוֹרָה, מִזְבְּחוֹת.

קֹרַח אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן! וָואס דָארְט אִיז גֶעלֶעגְן דִי צְוֵויי לוּחוֹת, פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל פַארְמָאגְט.

אַ יִחוּס הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע. אַן אֵיינִיקְל פוּן לֵוִי, דֶער קָרוֹב פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן דֶערְצוּ אַזַא עוֹשֶׁר, וָואס חֲזַ"ל זָאגְן אַז דְרַיי הוּנְדֶערְט פְּרֵדוֹת - שְׁטַארְקֶע פֶערְד, הָאבְּן גֶעדַארְפְט טְרָאגְן דִי שְׁלִיסְלֶעך פוּן זַיינֶע אוֹצְרוֹת!!

וָואס אִיז גֶעשֶׁען פְּלוּצְלִינְג אַזַא מַעֲשֶׂה, אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית מִיטְן גַאנְצְן פַארְמֶעגְן?! לָאמִיר זֶען וָואס רַשִׁ"י זָאגְט: "עֶר הָאט






מְקַנֵא גֶעוֶועןˮ, עֶר הָאט גֶעהַאט קִנְאָה אִין זַיין קָרוֹב אֱלִצָפָן וָואס אִיז גֶעוָוארְן נָשִׂיא אוּן דֶעריִבֶּער הָאט עֶר נֶעבֶּעך אַלֶעס פַארְלוֹירְן.

חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (סנהדרין ק״ו.) אַז דֶער גָּמָל הָאט נִישְׁט קַיין הֶערְנֶער, אַ זַאךְ וָואס אַלֶע חַיּוֹת אוּן בְּהֵמוֹת הָאבְּן יָא. דָאס אִיז גֶעשֶׁען נָאכְדֶעם וֶוען אַלֶע חַיּוֹת זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִיז דֶער קֶעמְל גֶעקוּמֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶע׳טַעֲנֶה׳ט: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין הֶערְנֶער! אַלֶע חַיּוֹת הָאבְּן, אִיךְ וִויל אוֹיךְ!ˮ. הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט ״מֶען דַארְף, אִיר אָפְּשְׁנַיידְן דִי אוֹיעֶרְן אוֹיךְ!ˮ, אַזוֹי אִיז דֶער קֶעמְל גֶעבְּלִיבְּן אָן קַיין הֶערְנֶער אוּן אָן קַיין אוֹיעֶר.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז גֶעשֶׁען מִיט קֹרַח, עֶר וֶועלְט גֶעקֶענְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אַ לַמְדָן א.א.וו. אָבֶּער לַיידֶער אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן אִים. אַלֶעס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן קִנְאָה, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן, הַקִּנְאָה, וְהַתַּאֲוָה, וְהַכָּבוֹד מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם.

מִיר וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטִיקְל פוּן ר׳ נָתָן אוֹיף דִי פַּרְשָׁה. וִוי בַּאוואוּסְט אַז דִי גַאנְצֶע עֲבוֹדָה וָואס מִיר טוּעֶן אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַלֶעס צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע גַשְׁמִיוּתְ׳דִיגֶע זַאכְן מַעְלָה זַיין, דֶער גוּף פַארְלַאנְגְט עֶסְן, שְׁלָאפְן. מְ׳דַארְף אָבֶּער וִויסְן אִיז אִין דִי אַלֶע זַאכְן אִיז פַארְהַאן אַן עֲבוֹדָה וָואס מֶען דַארְף אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען אַ אִיד מַאכְט אַ בְּרָכָה, עֶר עֶסְט מִיט דֶער אֶרֶץ, אוּן וָואס עֶר טוּט, טוּט עֶר דָאס וִוי דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז, וֶוערְט דֶער זַאךְ דֶערְהוֹיבְּן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. פוּן ׳אֶרֶץ׳ וֶוערְט ׳שָׁמַיִם׳, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ״מִי עָלָה שָׁמַיִם וַיֵּרַדˮ, אַלֶעס הָאט מֹשֶׁה גֶעקֶענְט מַעְלָה זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אָבֶּער קֹרַח וֶוען עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט מִיט מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, ״וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה לִקְרֹא לְדָתָן וְלַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב וַיֹּאמְרוּ לֹא נַעֲלֶהˮ, זָאגְט רַשִׁ״י, ״זַיין מוֹיל הָאט אִים גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט, עֶר וִויל נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין [לֹא נַעֲלֶה] וֶועט עֶר אַרָאפְּגֵיין אִין דֶער עֶרְד!ˮ.

זָאגְט ר׳ נָתָן ״קֹרַח מִיט זַיין גֶעמֵיינְדֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען מַעְלָה זַיין זַאכְן פוּן דֶער וֶועלְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַזַא גַשְׁמִיּוּת. הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען אַן עֹנֶשׁ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין דֶער עֶרְד! זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען גֶעוָוארְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ תּוֹצָאָה פוּן זֵייעֶר טַעֲנָה, אַז אִין דֶער וֶועלְט אִיז אַלֶעס פַארְגְרֶעבְּט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אִין דִי אַרְצִיּוֹת, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן צוּגֶעדֶעקְט טִיף אִין דֶער עֶרְד – אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

זֵייעֶר תִּיקוּן וֶועט זַיין דוּרְךְ שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא וָואס וֶועט זֵיי מְתַקֵּן זַיין, עֶס אִיז דָא פָּסוּק אִין שְׁמוּאֵל, ה׳ מֵמִית וּמְחַיֶּה מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל (שמואל א׳ ב, ו) דָאס אִיז אַ שִׁירָה וָואס חַנָּה הָאט גֶעזָאגְט וֶוען שְׁמוּאֵל אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, [וִוי בַּאוואוּסְט אִיז שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אַן אֵיינִיקְל פוּן קֹרַח].

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר גְלֵייבְּן אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער צַדִּיק שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר, מִיר גְלֵייבְּן אִין זַיין כֹּחַ, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת אוּן קֶענֶען גֵיין מִדַּרְגָּה לְדַרְגָּה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל אַז צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח אִיז סוֹפֵי תֵּבוֹת ׳קֹרַח׳, אַלֶע אִידְן וֶוערְן פַארְרָאכְטְן וֶוערְן אוּן בַּאקוּמֶען אַ תִּיקוּן. וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין וֵוייניִגֶער פוּן נֵיינְצִיג טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז שׁוֹין הֶעכְסְט צַייט מִיר אַלֶע זָאלְן בֶּעטְן תְּפִלּוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין דִי דִינִים אוּן דֶעם רֶבִּי׳נְס צִיּוּן זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן בְּשִׂמְחָה וּבִרְנָנָה זָאל מִיר אַלֶע קֶענֶען פָארְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּם תִּיקוּן הַשָּׁלֵם, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# איין אַשׁה'לע

*דער באַשעפער באַוואַרנט וואונדער*
*פאַר זיינע ליבע קינדער*

אִיךְ וִויל דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פַּאר צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּזַאמֶען מִיט מַיין חַבֶר פַּאר דִי נֵיין יָאר.

מִיר הָאבְּן גֶעפְּלַאנְט צוּ פָּארְן אִיךְ, מַיין טַאטֶע, מִיט נָאךְ אַ חַבֶר וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אָן זַיין טַאטֶע. נָאכְן פַּארְמֶערְן תְּפִלּוֹת אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן הָאבְּן אוּנְז בַּאשְׁטֶעלְט אַ טִיקֶעט אוֹיף מָאנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי, לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן אוּנְז בַּאקוּמֶען אַ טֶעלֶעפָאן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַז דֶער פְלִיגֶער פָּארְט זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי, גֶעבְּלִיבְּן אִיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה זִיךְ צוּ קֶענֶען אֵיינְפַּאקְן אוּן גְרֵייטְן וָואס מֶען דַארְף פַאר דִי נְסִיעָה. מֶען הָאט טַאקֶע מֶער וֵוינִיגֶער אַלֶעס מְסַדֵר גֶעוֶוען אָבֶּער אֵיין גָאר וִוִיכְטִיגֶע זַאךְ הָאט אוּנְז גֶעפֶעלְט דָאס אִיז אַן אִשׁוּר אַז מַיין טַאטֶע קֶען מִיטְנֶעמֶען מַיין חַבֶר וָואס אִיז נָאךְ אַ קְלֵיין אִינְגֶעל, מֶען דַארְף אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע אִשּׁוּר מִיט אַ זִיגְל פוּן אַ לוֹיעֶר (אַדְוָואקַאט) פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מוֹצָאֵי שַׁבָּת גֵיי זִיךְ אַ לוֹיעֶר אַלֶע אָפִיסֶעס זֶענֶען פַּארְשְׁפַּארְט.



מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט אַ גַאנְצֶע נַאכְט צוּ טוּן אַלֶע סָארְט הִשְׁתַּדְלוּת וָואס מֶען קֶען אָבֶּער עֶס אִיז אוּנְז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען צוּ טְרֶעפְן אַן אַדְוָואקַאט. מִיר הָאבְּן פִּיל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה אוּן זִיךְ פַּארְלָאזְט אוֹיפְן גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר גִיבְּט דֶעם אֶמֶת'ן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ קֶענֶען פָּארְן צוּם צַדִיק אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן לַאנְגְן וֶועג.

פָּארְנְדִיג אַרוֹיס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער רָאמֶענְיֶע, מָאלְדָאוֶוע, אוּקְרֵיינֶע אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, קֵיינֶער הָאט אוּנְז נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין שְׁאֵלוֹת אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן אוּנְז זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָּארְן צוּ ר' נָתָן'ס צִיּוּן אוּן פוּן דָארְט קַיין אוּמַאן, גֶעזָאגְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם צַדִיק דִי הַבְטָחָה אוּן אַרוֹיס לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם צוּרִיק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט דִי זֶעלְבֶּע נִסִים, וֶוען קַיין גְרֶענִיץ הַאלְט אוּנְז נִישְׁט אָפּ פַאר דֶעם עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ-צֶעטְל.

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן מִיר גֶעלַאנְדֶעט דָאנֶערְשְׁטָאג אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אַכְצְן שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער לוּפְט-פֶעלְד גֶעוָוארְן הֶערְמַאטִישׁ פַּארְמַאכְט וֶועגְן דִי מִלְחָמָה צוּשְׁטַאנְד!

מִיט דַאנְק צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן ווִילְן מִיר עֶנְדִיגְן אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער טִיפֶע לוֹיבּ-וֶוערְטֶער אַז אוּנְזֶער אִינְגְל הָאט גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ וַויילְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר דִי זִיבְּן יָאר אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועגְן דֶעם עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ פַאר מַיין חַבֶר אוּן אָנְגֶעיָאגְט אַהֵיימצוּקוּמֶען פַאר דֶער לוּפְט-פֶעלְד הָאט פַארְמַאכְט אִירֶע טוֹיעֶרְן.

יְשַׁעְיָה נַפְתָּלִי, בֵּית שֶׁמֶשׁ

# א קלוגער איד

דער מְלַמֵּד ר' מֶענְדְל פֿון לאַדִיזִין, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אִין אַ מִתְנַגְדִי'שֶׁע מִשְׁפָּחָה. אַלְס מְלַמֵּד פֿון קִינְדֶער הָאט עֶר זִיךְ בַּאגֶעגְנְט מִיט ר' יִצְחָק חַזָן פוּן בְּרֶסְלֶב אִינֶעם דֶערְפל וואו ר' מֶענְדְל הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעך.

אַ 'גוּט זָאגֶער', אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער ר' יִצְחָק אַלֶעמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ גוּט ווערְטְל צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. יֶעצְט בַּאגֶעגְנְדִיג זִיךְ מִיט ר' מֶענְדְל, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶפֶּעס אַ דָּבָר צַחוּת הָאט עֶר אִים פַארְגִינֶען אוּן גְלַייךְ דֶערוֹיף צִיט ר' יִצְחָק וַוייטֶער דֶעם שְׁמוּעֶס אוּן זָאגְט צוּ ר' מֶענְדְל: "דוּ בִּיסְט קְלוּג, אָבֶּער אִין בְּרֶסְלֶב גֶעפִינְט זִיךְ אֵיינֶער וָואס אִיז מֶער קְלוּגֶער פוּן דִיר!"

"וֶוער אִיז דֶער אִיד?" פְרֶעגְט ר' מֶענְדְל מִיט וואוּנְדֶער.

"ר' נָתָן!" עֶנְטְפֶערְט ר' יִצְחָק חַזָן.

עֶס אִיז גוּט אַרַיין דֶער דִּבּוּר אִין ר' מֶענְדְל, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער ר' יִצְחָק אִיז אוֹיךְ וַוייט נִישְׁט קֵיין נַאר, עֶר אִיז גַאנְץ אַ קְלוּגֶער אִיד, עֶר ווִיל זִיךְ זֵייעֶר טְרֶעפְן מִיט דֶעם ר' נָתָן, 'דֶער קְלוּגֶער אִיד'.

אִינְמִיטְן אַ זְמַן וֶוען מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַוֶועקְצוּפָארְן קֵיין בְּרֶסְלֶב, 'לָאמִיר וַוארְטְן בִּיז פֶּסַח צֵייט', טְרַאכְט צוּ זִיךְ ר' מֶענְדְל. עֶר הָאט טַאקֶע צוּגֶעוָוארְט בִּיז פֶּסַח, אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג צוּ זַיין הֵיים אִין טוּלְטְשִׁין, הָאט עֶר גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם יוֹם טוֹב ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט אִין גַאס אַ תַּלְמִיד פוּן ר' נָתָן אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' מֵאִיר יְהוּדָה וֶועלְכֶער הָאט אִים אוֹיךְ צוּגֶעשְׁטוּפְּט צוּ פָארְן צוּ ר' נָתָן.



די באַן שינעס אין לאַדיזין

צוּזַאמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קֵיין בְּרֶסְלֶב עֶס אִיז נִישְׁט אַזַא וַוייטֶע וֶועג, עֶס נֶעמְט צוּ פָארְן בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה צְוֵויי מִיט אַ וָואגְן. וֶוען ר' מֶענְדְל הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט ר' נָתָן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ אַז זַיין מֹחַ אִיז אִים פוּל מִיט נַארִישֶׁע חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת וָואס עֶר הָאט זִיךְ לֵיידֶער אָנְגֶעלֵיינְט אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן, בְּעֶפָאר עֶר הָאט זִיךְ דֶערְווִיסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז ר' נָתָן הָאט אִים גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אוּן אַ תְּשׁוּבָה, בִּיז ר' מֶענְדְל אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

ר' נָתָן דֶער זוּן פוּן ר' לֵייבֶּעלֶע רְאוּבֵן הָאט אֵיינְמָאל בַּאגֶעגְנְט דֶעם ר' מֶענְדְל אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ בְּשַׁעַתְ'ן אָנְטוּן דֶעם טַלִּית. ר' מֶענְדְל אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעמִינְטֶערְט. פַארְצֵיילְט אִים ר' מֶענְדְל אַז יֶענֶעם טָאג וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט ר' יִצְחָק אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ [פוּן זַיינֶע חָכְמוֹת] אַז עֶר הָאט גֶעפְלַאנְט מֶער נִישְׁט אָנְצוּטוּן קֵיין טַלִּית אוּן תְּפִלִּין רַחֲמָנָא לִצְלַן, אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעשִׁיקְט דֶעם ר' יִצְחָק וָואס הָאט אִים גֶעלָאזְט ווִיסְן וֶועגְן דֶעם 'קְלוּגֶער אִיד', הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ צוּ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ טְרֶעפְן מִיט ר' נָתָן אוּן בְּעֶזְרַ הַשֵּׁם הָאט ר' נָתָן אִים טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן זַיינֶע פַארְפִירֶענִישְׁן אוּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן לְנֵצַח נְצָחִים.




דָאס קְלֵיין אִינְגֶעלֶע לִיגְט אִין בֶּעט מִיט הוֹיךְ פִּיבֶּער, וָואס נָאר זַיין מַאמֶע פְּרוּבִּירְט אִים גֶעבְּן צוּ הֵיילְן פוּן זַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק הֶעלְפְּט לֵיידֶער גָארְנִישְׁט. זַיין טַאטֶע ר׳ שִׁמְעוֹן דֶער גְרוֹיסֶער חָשׁוּבֶ׳ער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי׳ן וֵוייסְט קְלָאר וָואס עֶר הָאט צוּטוּן אִין אַזַא שְׁוֶועֶרע מִינוּט, עֶר לוֹיפְּט אַרִיבֶּער צוּם רֶבִּי׳ן אַז דֶער רֶבִּי זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן פּוֹעֶלְ׳ן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה פַאר זַיין צַדִּי״קְל, אָבֶּער וֶוען ר׳ שִׁמְעוֹן שְׁטֵייט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן בֶּעט פוּן רֶבִּי׳ן אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִיז דִי מַאמֶע גֶעזֶעצְן נֶעבְּן דָאס בֶּעטְל פוּנֶעם קְרַאנְקְן קִינְד אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועֶן אוֹיף זַיין גֶעזוּנְט אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע וֵוייסְט צוּ בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז דָאס קִינְד גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיךְ קִינְד אוּן ר׳ שִׁמְעוֹן אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי׳ן אִים דֶערְצֵיילְן דִי גְרוֹיסֶע נֵס.

וִוי נָאר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען ר׳ שִׁמְעוֹן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ וואוּנְדֶער: ״הָאסְטוּ גֶעזֶען דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה? ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אִין הִימְל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְזִיגְלְט אַז דָאס קִינְד זָאל נִפְטַר וֶוערְן אוּן נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי מַאמֶעס תְּפִלּוֹת הָאט זִי גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט נִישְׁט נָאר אַז דָאס קִינְד זָאל בְּלַייבְּן לֶעבְּן נָאר אוֹיךְ הָאט דִי מַאמֶע גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט אַז עֶר זָאל אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהַיילְט וֶוערְן אוּן עֶר זָאל הָאבְּן אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן, אוּן טַאקֶע אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַז דָאס קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעהַיילְט גֶעוָוארְן אוּן מַאֲרִיךְ יָמִים גֶעוֶוען נָאנְט צוּ הוּנְדֶערְט יָאר!

**ווער עס האט אמונה, איז זיין לעבן א לעבן.** (שיחות הר״ן נ״ג)

# אונטערוועגנס

## בַּיי רֶבִּי נָתָנ'ס נְסִיעוֹת



**אוּנְטֶערְוֶועגְנְס.** וָואס הָאט זִיךְ אַלְץ גֶעטוּן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס פוּן רֶבִּי נָתָנ'ס נְסִיעוֹת? וִויפִיל הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אִיבֶּער דִי וֶועגְן אִין שְׁטֶעגְן? אַךְ, רֶבִּי נָתָן! וָואס אִיז רֶבִּי נָתָן אַלְץ פַאר דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער?

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, טְרַאכְט אַרַיין, רֶבִּי נָתָן וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זַיין אַ שֵׁיינֶער אִיד בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ רַיִיכֶער תַּלְמִיד חָכָם, גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי אַ גְרוֹיסֶער רָב, עֶר אַלֵיין הָאט גֶעצוֹיגְן זַיין יִחוּס פוּן גְרוֹיסֶע לַייט. אוֹיךְ גֶעלְט הָאט אִים נִישְׁט גֶעפֶעלְט. עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן נָאר בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעטוּן אַבִּיסְל הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר פַּרְנָסָה וָואס אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען בְּשֶׁפַע. עֶס אִיז מְקֻיָּם גֶעוֶוארְן בַּיי אִים דֶעם פָּסוּק, תּוֹרָה וּגְדוּלָּה בְּמָקוֹם אֶחָד.

לוֹיט יֶעדְן דֵעָה וָואלְט רֶבִּי נָתָן זִיךְ גֶעקֶענְט פִירְן וַוייטֶער זַיין לֶעבְּן בַּאקְוֶועמֶערְהַייט אוּן נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶעם עוֹלָם הַבָּא.

אָבֶּער וָואס וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר אוּנְז הַיינְט צוּ גֶענִיסְן פוּן רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע קְוַואל? אֶפְשָׁר וָואלְט גֶעוֶוען אַ סֵפֶר דָא-דָארְט. אָבֶּער וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ער אוֹצָר וָואס מִיר פַארְמָאגְן הַיינְט? הָאט דֶער הַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת צוּגֶעפִירְט אַז רֶבִּי נָתָן זָאל זַיין אוּמְרוּאִיג מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן זוּכְן נָאךְ אוּן נָאךְ בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

אוּן פוּן יֶענֶעם מִינוּט אָנְגֶעפַאנְגֶען הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ גֶעפוּנֶען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס רוֹב פוּן זַיינֶע לֶעבְּנְ'ס טֶעג. בַּיים לֶעבְּן פוּן רֶבִּי'ן אִיז רֶבִּי נָתָן כְּסֵדֶר גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אַהִין אוּן צוּרִיק בַּיי יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהַייט אוּן יוֹמָא דְפַגְרָא. דֶערְנָאךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע וַוייטֶע נְסִיעוֹת צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער לַייט, אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אוּן מַגִּיהַּ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים (זַיינֶע אֵייגֶענֶע אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס), אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעפָארְן אִיבֶּער וַוייטֶע לֶענְדֶער בְּפוֹעַל צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים. אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר נָאךְ גֶעמַאכְט דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר נָאךְ גֶעוָואלְט אַבִּיסְל מְנוּחָה זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן פוּן זַיינֶע שְׁוֶוערֶע רַייזֶעס הָאט עֶר גֶעמוּזְט לַיידְן גָלוּת

# אונטערוועגנס

וַואנֶדערְן אַנְטְלוֹיפְנְדִיג פוּן דִי מְסִירוּת אוּן רְדִיפוֹת פוּן דִי מִתְנַגְדִים.

אַז מֶען טְרַאכְט וַוייטֶער אַרַיין קוּמְט צוּם שְׁטוּינֶען אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס טִרְחָה אַרוּם דִי נְסִיעוֹת. אַ רַייזֶע אַמָאל אִיז וַוייט נִישְׁט גֶעוֶוען וִוי הַיינְט וָואס מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ קַאר אָדֶער אוֹיף אַ פְלִיגֶער אוּן וַיִסָעוּ, מֶען פָארְט... דַארְפְסְט נִישְׁט שְׁלֶעפְּן זֶעק אוּן פֶּעק, אַלֶעס גֵייט אַרַיין אִין בַּאגַאדְזְשׁ פוּן קַאר וָואס קוּמְט דִיר אָפְּנֶעמֶען פוּן טִיר. דִי זִיין פְלֶעצֶער זֶענֶען גֶענוּג בַּאקְוֶועם זִיךְ אוֹיסְצוּלֵייגְן מִיט אַ קִישְׁן אוּן דוּרְכְשְׁלָאפְן דֶעם גַאנְצְן וֶועג. אוּן אַז אִיר בְּרוֹיכְט עֶפֶּעס קַאלְטְס אָדֶער וַוארֶעמְס אוּנְטֶערְוֶועגְנְס שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ אָפּ בַּיי אַ גֶעשֶׁעפְט. סְ'רֶעגְנְט? נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, דִי דַאךְ בַּאשִׁיצְט. סְ'אִיז קַאלְט אָדֶער הֵייס? צִינְד אָן אָדֶער פַארְלֶעשׁ דֶעם אַפַּארַאט.

אַה, מְחַיֶה! צִיט אוֹיס אַייעֶרֶע פִּיס אוּן נֶעמְט אַרוֹיס אַ סֵפֶר'ל צוּ מְעַיֵין זַיין אִיבֶּערְן לַאנְגְן (מַמָשׁ קוּרְצְן...) וֶועג.

אַיי, רֶבִּי נָתָן, וִוי הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט טִלְטוּל הַדֶרֶךְ. דִי פֶּערְד אוּן וֶועגֶענֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעוַואקְלְט אִיבֶּער דִי אוּמְאוֹיסְגֶעפְלַאסְטֶערְטֶע וֶועגְן. אַז עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ פְרָאסְט אוּן שְׁטוּרֶעם רֶעגְן אִיז מֶען פַארְפְרוֹירְן גֶעוָוארְן אִין דִי בֵּיינֶער. דִי סְחוֹרָה'נֶע דֶעכֶער אִיבֶּערְן וָואגְן הָאבְּן שְׁוַואךְ בַּאשִׁיצְט פוּן שְׁנֵיי אוּן רֶעגְן. אוּן דִי פֶּערְד הָאבְּן זִיךְ שְׁוֶוערְלִיךְ גֶעדְרַאפֶּעט אִיבֶּער דִי בְּלָאטֶע אוּן שְׁנֵיי.

אָבֶּער לָאמִיר זָאגְן, אֲפִילוּ אוֹיב סְ'אִיז שׁוֹין יָא גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶעם וֶועטֶער, הָאבְּן דִי וֶועגְן גֶענוּמֶען זֵייעֶר לַאנְג.

רבי נחמן טולטשינער האט געזאגט; ״רבי נתן האט געדאווענט אויפ׳ן וועג ביי זיינע נסיעות נאך שענער ווי ער האט געדאווענט אינדערהיים״!

רבי נתן האט דאך געזאגט; ״אז ער וועט אפילו אפגעבן דין וחשבון אפילו אויף א יום הנסיעה אויך״!

אַ פֶּערְד אוּן וָואגְן אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן אַזוֹי פְלִיסִיג וִוי אַ קַאר. אַ וֶועג פוּן יְרוּשָׁלַיִם קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ הָאט גֶעקֶענְט גֶעדוֹיעֶרְן בְּעֵרֶךְ זִיבְּן שָׁעָה!

נוּ, קִינְדֶער, וִויפִיל מָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעפָארְן צוּ דִי אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ אוּן דֶערְפֶעלֶעךְ? יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר גֶעבְּרוֹיכְט פָארְן לַאנְגֶע שָׁעוֹת.

פְרֶעגְט זִיךְ אַ הַארְבֶּע שְׁאֵלָה, וֶוען הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעיָאגְט מִיט זַיינֶע חִדוּשֵׁי תּוֹרָה, לִמוּד הַתּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵׁם אוּן נָאךְ שְׁרַייבְּן, דְרוּקְן אוּן צֶעשְׁפְּרַייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוֹיבּ אִיז עֶר אַ גְרוֹיסֶע חֵלֶק פוּן זַיין לֶעבְּן גֶעוֶוען אִיבֶּער דִי וֶועגְן? אוּנְזֶער קְלֵיינֶע מוֹחוֹת קֶענֶען דָאס נִישְׁט בַּאגְרַייפְן אוּן וֶועלְן דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

נִישְׁט דֶערְפַאר הוֹיבְּן מִיר אַצִינְד אָן דִי נַייעֶ סֶערְיֶע אִיבֶּער רֶבִּי נָתָנְ'ס נְסִיעוֹת צוּ חַס וְשָׁלוֹם וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין דִי הוֹיכֶע סוֹדוֹת אוּן עֲבוֹדוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן. מִיר טוּעֶן דָאס נָאר צוּלִיבּ דֶעם רֶבִּינְ'ס אָנְזָאג, ״פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר דֶערְצֵיילְן וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן...״

אַצִינְד טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מַאכְט אַייךְ בַּאקְוֶועם אוּן גְרֵייט אַייךְ צוּ אַ רַייזֶע וואוּ מִיר וֶועלְן אַייךְ בְּעֵזֶר הַשֵׁם פִירְן אִיבֶּער וֶועגְן אוּן שְׁטֶעגְן וואוּ רֶבִּי נָתָן אִיז אַלֵיין אַרִיבֶּער וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער אוֹצָר וָואס מִיר פַארְמָאגְן הַיינְט, הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלִיבְּן אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג.

הֶמְשֵׁךְ קוּמְט אִי״ה

הַמשך פון זייט 12

# דֶער גְרוֹיסֶער טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען!

דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פוּן דִי בַּת קֵייסֶער וֶועלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין וֶוען מִיר וֶועלְן אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע לֶעבְּן. דֶער עוֹלָם הַזֶה הָאט אִין זִיךְ טֶעג וֶועלְכֶע זֶענֶען נִישְׁט גְלַייךְ אֵיינֶע צוּם צְוֵוייטְן. יֶעדֶע טָאג הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת און אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן נֶעכְטְן אוּן אֵייעֶרְנֶעכְטְן. דִי עֶנְדֶערוּנְגֶען זֶענֶען פִילְצָאלִיג, דִי דוּרְכְגֶעגְנ זֶענֶען שְׁוֶוער אוּן שְׁרֶעקְלִיךְ, דִי נִסְיוֹנוֹת, דִי אַיינְרֶעדֶענִישְׁן וָואס וֶוערְן אַלְץ גְרֶעסֶער... אִין יֶעדְן פְּלַאץ בַּאגֶעגֶענֶען מִיר זִיךְ מִיטְן 'מֶלֶךְ זָקֵן' וָואס וִויל אוּנְז אַרַיינְכַאפְּן אִין זַיין נֶעץ אוּן מִיט דִי רוֹצֵחַ'ישֶׁע גַזְלָנִים וָואס וִוילְן פוּן אַוֶועקְכַאפְּן אוּנְזֶער נְשָׁמָה.

צוּמָאל לָאזְן מִיר אַרוֹיס אַ שְׁוֶוערְן קְרֶעכְץ, 'צוּ דֶען וֶועט זִיךְ דָאס אַמָאל עֶנְדִיגְן? וֶועט דֶען קוּמֶען אַ טָאג וָואס מִיר וֶועלְן אָנְקוּמֶען צוּם 'שְׁלֵימוּת' אוּן טְרֶעפְן דָאס וָואס מִיר הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעזוּכְט? צוּ דֶען וֶועט אֵיין טָאג אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן אַז מִיר זֶענֶען דֶער אֶמֶת'ער בֶּן מֶלֶךְ?'

און אָט קוּמְט אָן דִי גְרוֹיסֶע אוּן אִיבֶּעַרַאשְׁנְדֶע מִינוּט. וֶוער עֶס הָאט גֶעטְרַאכְט אוֹיפְן תַּכְלִית, אוֹיפְן לֶעצְטְן סוֹף, אוֹיף דֶער אֶמֶת'ער וֶועלְט, דֶער עוֹלָם הַבָּא, דֶער אִיז זוֹכֶה אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיבְן מִיט שִׂמְחָה, עֶס אִיז בַּיי אִים אַזוֹיוִוי אַ גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה. יֶעצְט וֶועט עֶר גֵיין אוּן זִיךְ קְלַאמֶערְן אִין שָׁאטְן פוּן דִי צַדִיקִים, אוּן נֶהֱנָה זַיין מִזִיו הַשְּׁכִינָה.

וֶוער עֶס הָאט גֶעדֶענְקְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען, וֶוער עֶס הָאט גֶעזַאמְלְט מִצְווֹת אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, וִויסְנְדִיג בַּיי אַ נִסָיוֹן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וֶוען עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען שְׂכַר, אוּן אִין דֶעם זְכוּת הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען זִיךְ צוּ הַאלְטְן פֶעסְט אִין אִידִישְׁקַייט אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, עֶר אִיז דֶער וָואס וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶר גֵייט אַהֵיים. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "הַיוֹם לַעֲשׂוֹתָם וּמָחָר לְקַבֵּל שְׂכָרָם" - הַיינְט צוּ טוּן דִי מִצְווֹת, אוּן מָארְגְן בַּאקוּמֶען דֶעם שְׂכַר דֶערְפַאר. עֶר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִין אָט דֶעם טָאג. הָא! עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער צַייט וֶוען צַדִיקִים בַּאקוּמֶען זֵייעֶר שְׂכַר. מֶען גֵייט אַהֵיים זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן אוּנְזֶער אֵייבִּיגֶער תַּכְלִית.

## מעשה ב' - דער מלך און דער קייסער 6

דֶער וַוייל הָאבִּין זֵיי דֶער זֶעהְן אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזִין זֵייעֶר מֶלֶךְ אִיז נִיט דָא. הָאבְּן זֵיי גִיפְרֶעגְט (דְהַיינוּ דִי מְדִינָה הָאט גִיפְרֶעגְט) וִוי אִיז אוּנְזֶער מֶלֶךְ.

הָאבְּן זֵיי דֶער צֵיילְט זֵיי דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז שׁוֹין לַאנְג גִישְׁטָארְבְּן אוּן אַז זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אוֹיף גִינוּמֶען אֵיין נַייעֶם מֶלֶךְ דֶעם וָואס עֶר גֵייט מִיט זֵיי (דְהַיינוּ דֶעם דָאקְטֶאר דָאס אִיז דִי בַּת קֵיסֶר) הָאט זִיךְ דִי מְדִינָה זֵייעֶר גִיפְרֵייט וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אֵיין נַייעֶם מֶלֶךְ.

דֶער מֶלֶךְ (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) הָאט גִיהֵייסִין

אוֹיס רוּפִין אִין אַלֶע מְדִינוֹת אַז וִוי עֶס גִיפִינְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אַ גֵר אָדֶער אַ בּוֹרֵחַ דְהַיְינוּ אֵיין אַנְטְלָאפִינֶער אוֹדֶער אַ פַּארְטְרִיבִּינֶער זָאלִין זֵיי אַלֶע קוּמֶען אוֹיף דֶער חַתוּנָה עֶס זָאל אֵיינֶער פוּן זֵיי נִיט אָפּ גֵיין. וֶועלִין זֵיי נֶעמֶען גְרוֹיסֶע מַתָּנוֹת.

וִוידֶער הָאט גִיהֵייסִין דֶער מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) אַז מֶען זָאל מַאכִין אַרוּם דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט קְוַואלִין אַרוּם אוּן אַרוּם. כְּדֵי אַז אֵיינֶער וֶועט וֶועלִין אַ טְרוּנְק טוּן זָאל עֶר נִיט בַּאדַארְפְן אַוֶועק גֵיין אַ טְרוּנְק טוּן. נָאר אִיטְלִיכֶער זָאל גִיפִינֶען אַ קְוַואל לֶעבִּין זִיךְ.

נָאךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) גִיהֵייסְן אַז מֶען זָאל זַיין צוּרָה אָפּ מָאלִין בַּיי אִיטְלִיכְן קְוַואל. אוּן מְזָאל שְׁטֶעלִין שׁוֹמְרִים. זֵיי זָאלִין הִיטְן בְּאִים אַז אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען אוּן וֶועט זִיךְ שְׁטַארְק צוּ קוּקִין צוּ דֶער צוּרָה (דְהַיְינוּ צוּ דֶעם פַּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ דָאס אִיז דִי בַּת קֵיסֶר כַּנַ״ל) אוּן וֶועט מַאכִין אַ שְׁלֶעכְט פָּנִים זָאל מֶען דֶעם מֶענְשְׁן חַאפִּין אוּן מֶען זָאל אִים אַיין זֶעצִין אִין דֶער תְּפִיסָה.

הָאט מֶען אַלְץ אַזוֹי גִיטָאן. זֶענֶען אָן גִיקוּמֶען דִי אַלֶע דְרַיי (דְהַיְינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז דֶער רֶעכְטֶער חָתְן פוּן דֶער בַּת קֵיסֶר) וָואס זִי אִיז דָא מֶלֶךְ גִיוָוארִין.

אוּן דֶער זוּן פוּן דֶעם סוֹחֵר (וָואס דֶער פָּאטֶער הָאט אִים פַּאר טְרִיבְּן אִיבֶּער דֶער בַּת קֵיסֶר וָואס זִי אִיז פוּן אִיהם אַנְטְלוֹפֶען גִיוָוארִין כַּנַ״ל) אוּן דֶער מֶלֶךְ וָואס מֶען הָאט אִים פַּאר טְרִיבְּן (אוֹיךְ אִיבֶּער דֶער בַּת קֵיסֶר וָואס זִי אִיז פוּן אִים אַנְטְלוֹפְן גִיוָוארִין מִיט דִי עֶלֶעף פַּאנִיס כַּנַ״ל)

אוּן אִיטְלִיכֶער פוּן דִי דְרַיי הָאט דֶער קֶענְט אַז דָאס אִיז אִיר צוּרָה. אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר צוּגִיקוּקְט אוּן הָאבִּין זִיךְ דֶער מַאנְט אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גִיוֶועְן. הָאט מֶען זֵיי גִיחַאפְּט אִין דֶער תְּפִיסָה אַרַיין.

בְּשַׁעַת חַתוּנָה הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסְן (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) אַז מֶען זָאל דִי שְׁבוּיִים בְּרֶענְגֶען פַאר אִים הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דִי אַלֶע דְרַיי. הָאט זִי זֵיי דֶער קֶענְט אוּן זֵיי הָאבִּין זִי נִישְׁט דֶער קֶענְט מַחְמַת זִי אִיז גִיגַאנְגֶען אָן גִיטָאן וִוי אֵיין מַאנְצְבִּיל.

הָאט זִיךְ אָן גִירוּפְן דִי בַּת קֵיסֶר אוּן הָאט גִיזָאגְט דוּ מֶלֶךְ דִיךְ הָאט מֶען פַאר טְרִיבֶּען אִיבֶּער דִי עֶלֶעף פַאנִיס וָואס זֵיי זֶענֶען פַאר פַאלְן גִיוָוארִין נַאדִיר אָפּ דַיינֶע פַאנִיס. קֶער דִיךְ אוּם אַהֵיים צוּ דַיין מְדִינָה אוּן צוּ דַיין מְלוּכָה. דוּ סוֹחֵר (כְּלוֹמֶר פְרִיר הָאט זִי גִירֶעט צוּם מֶלֶךְ. הַיינְט הָאט זִי אָן גִיהוֹיבְּן צוּ רֵיידִין צוּם בֶּן הַסוֹחֵר הַנַ״ל) דִיךְ הָאט דַיין טַאטֶע פַאר טְרִיבְּן אִיבֶּער דֶער שִׁיף מִיט דֶער סְחוֹרָה וָואס עֶס אִיז פַאר פַאלִין גִיוָוארִין (כַּנַ״ל) נַאדִיר אָפּ דַיין שִׁיף מִיט גָאר דֶער סְחוֹרָה.

אוּן דֶער פַאר וָואס דַיין גֶעלְד אִיז אַזוֹי לַאנְג אוֹיסִין גִיוֶועְן דֶער פַאר הָאסְטוּ הַיינְט מֶער עֲשִׁירוּת אִין דֶער שִׁיף כִּפְלֵי כִּפְלַיִם מֶער פוּן פְרִיר (וָוארִין הַיינְט אִיז נָאךְ גִיוֶועְן אִין דֶער שִׁיף דָאס גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת פוּן דִי רוֹצְחִים כַּנַ״ל) אוּן דוּ בֶּן מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת דֶער חָתְן)

קוּם אַהֶער לָאמִיר אַהֵיים פָּארִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אַהֵיים. אָמֵן וְאָמֵן.

# לעובדא ולמעשה

ס'איז גֶעוֶוען דֶער לֶעצְטֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז ר' אַהֲרֹן דֶער רַב נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב נָאךְ פֶּסַח נָאךְ דִי שְׂרֵפָה, אוּן ר' אַהֲרֹן אִיז גֶעקוּמֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן גֶעזֶעצְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן כִּמְעַט דֶעם גַאנְצְן זוּמֶער אִין אוּמַאן.

נָאכְדֶעם אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן אַ בְּרִיוו פוּן דִי שְׁטָאט לַייט פוּן בְּרֶסְלֶב צוּם רֶבִּי'ן: "אִיר זֶענְט אַוֶועקְגֶעפָארְן, אָבֶער אִיר הָאט אוֹיךְ מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ דֶעם רַב אוּנְזֶערֶער, מִיר הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קַיין רַב, מִיר דַארְפְן הָאבְּן אַ רַב!"

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויזְן ר' אַהֲרֹן'ען דֶער בְּרִיוו: "אַזַא בְּרִיוו אִיז דָא פוּן דִי שְׁטָאט-לַייט זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין רַב"! זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין רַב! הָאט ר' אַהֲרֹן דֶער רַב גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "זָאל אִיךְ פָארְן"? זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן דֶעם צַעַר וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה"!

פְרֶעגְט ר' אַהֲרֹן "נוּ, וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן דָא?" זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "דִי שְׁטָאט לַייט זֶענֶען דָאךְ גֶערֶעכְט"! פְרֶעגְט ווִידֶער ר' אַהֲרֹן: "זָאל אִיךְ פָארְן"? זָאגְט דֶער רֶבִּי ווִידֶער ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט.

פְרֶעגְט ר' אַהֲרֹן: זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן דָא?! דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט "טוּ אַזוֹי אוּן אַזוֹי" נוּ, אוֹיבּ אַזוֹי אִיז ר' אַהֲרֹן אַוֶועקְגֶעפָארְן, פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב! וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אוֹיפְ'ן וֶועג - ר' נָתָן מִיט ר' נַפְתָּלִי'ן ווִי זֵיי פָארְן שׁוֹין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, פְרֶעגְן זֵיי אִים: "וואוּ פָארְסְטוּ? וואוּ פָארְסְטוּ אַוֶועק אִיצְטֶער"?! דֶערְצֵיילְט עֶר זֵיי דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַזוֹי גֶעזָאגְט! רוּפְן זֵיי זִיךְ אָן: "וָואס?! אַז דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז טְרַייבְּן מִיט דְרִיקֶעס -"דְרִיקֶעס מֵיינְט אַ קְנַאק אוֹיפְ'ן קָאפּ מִיט אַ שְׁטִיק הָאלְץ - וֶועלְן מִיר אַוֶועקְפָארְן פוּנֶעם רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה"?!

אָבֶער ס'הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה! אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַזוֹי מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן דֶעם צַעַר וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה"!

אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן זָאגְן אַז ס'ווַייזְט אוֹיס, אַז ס'קֶען זַיין אַז וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוֶוען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, וָואלְט דֶער רֶבִּי נִישְׁט נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן! אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְרַמֵּז גֶעוֶוען "דֶער צַעַר וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן".

וַוייל פוּנֶעם קִבּוּץ הָאט גֶעפֶעלְט! אוּן ס'הָאט גֶעפֶעלְט נָאךְ אֵיינֶער, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן 'ווִינִיצֶע' וָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען ר' אַהֲרֹן, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶערֶעכֶענְט - יֶענֶער הָאט גֶעהֵייסְן דַאכְט זִיךְ "בֶּערֶעלֶע" -"אַהֲרֶל'ע אִיז נִישְׁטָא אוּן בֶּערֶעלֶע אִיז נִישְׁטָא"!

יֶענֶער פוּן ווִינִיצָא אִיז גֶעוֶוען אַ פְּרָאסְטֶער - גָאר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, אוּן ר' אַהֲרֹן דֶער רַב - אִיז גֶעוֶוען אַ גָּדוֹל! דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעכֶענְט בֵּיידְן צוּזַאמֶען: "עֶר אִיז נִישְׁטָא, אִין דֶער אִיז נִישְׁטָא"! וַוייל בַּיים קִבּוּץ אַז ס'פֶעלְט אוֹיס אֵיינֶער, אִיז נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינַּהּ וֶוער דֶער אֵיינֶער אִיז, אוֹיבּ עֶר פֶעלְט - פֶעלְט עֶר! אוּן אַז ס'קוּמְט צוּ אֵיינֶער וֶוערְט נִתּוֹסֵף דִי קְדוּשָּׁה מֶער אוּן מֶער!

(איבערגעארבעט פון טעם זקנים)

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## מעשה ב' פון דער מלך און דער קיסר (6)

**א. ווען האט דער דאקטער געהייסן קומען אויף די חתונה?**

- ❑ אלע אנטלאפענע
- ❑ אלע פארטריבענע
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. ווען האט מען גענומען אין תפיסה?**

- ❑ דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס
- ❑ דער בן הסוחר
- ❑ דער ערשטער בן מלך, דער בן הסוחר, און דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס

**ג. "און אִיטְלִיכֶער פוּן דִי דְרַייִ הָאט דֶער קֶענְט אַז דָאס אִיז אִיר צוּרָה" – וואס איז דער ריכטיגער סדר געווען?**

- ❑ צוּגִיקוּקְט, מְצַעֵר גִיוֶוען, דֶער מַאנְט
- ❑ דֶער מַאנְט, צוּגִיקוּקְט, מְצַעֵר גִיוֶוען
- ❑ צוּגִיקוּקְט, דֶערמַאנְט, מְצַעֵר גִיוֶוען

**ד. וואס האט די בת קייסער געזאגט פאר דעם מלך ביי די חתונה?**

- ❑ נעם די שיף מיט די סחורה
- ❑ קום אהער לאמיר אהיים פארן
- ❑ גיי צוריק צו דיין לאנד מיט די עלעף פאנעס

**ה. וואס האט די בת קייסער געזאגט פאר דעם סוחר ביי די חתונה?**

- ❑ גיי צוריק צו דיין לאנד מיט די עלעף פאנעס
- ❑ קום אהער לאמיר אהיים פארן
- ❑ נעם די שיף מיט די סחורה

**ו. וואס האט די בת קייסער געזאגט פאר דעם בן המלך ביי די חתונה?**

- ❑ גיי צוריק צו דיין לאנד מיט די עלעף פאנעס
- ❑ נעם די שיף מיט די סחורה
- ❑ קום אהער לאמיר אהיים פארן

**ז.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וואו נאך שטייט אין די הייליגע ספרים פון רבי'ן "אִישׁ לֹא יִהְיֶה נֶעְדַר" ?



וואס האט די בילדער מיט אונזער מעשה ?





### תשובות אויף פאריגע וואך

וויפל שידוכים האט מען אנגעטראגן פאר די בת קייסער – וואס מיר האבן געלערנט משך די גאנצע מעשה ?

**5 -1. בן המלך 2. בן הסוחר 3. דער מלך וואס האט געבויט פאלאצן אויפ'ן ים 4. גזלנים 5. די ווייב פון דער פליח**

**געווינער אויף די בחינות פון דער מלך און דער קייסער 5 איז הילד הח' אליעזר חזן, ירושלים כתה ה'**
**די מתנה קען מען באקומען ביים משגיח אין חדר ברסלב ר' משה געפנר הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# דֶער גְרוֹיסֶער טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען!



מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה: אַז בִּשְׁעַת דִי חֲתוּנָה, הָאט דֶעם קֵייסֶערְ'ס טָאכְטֶער - וָואס אִיז גֶעוָוארְן דֶער קֶענִיג, בַּאפוֹילְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר דִי גֶעפַאנְגֶענֶע. זֶענֶען דִי דְרַיי גֶעקוּמֶען 1. דֶער קֶענִיג וָואס הָאט גֶעבּוֹיט אַ פַּאלַאץ 2.דֶער סוֹחֵרְ'ס זוּן 3. דֶעם קֶענִיגְ'ס זוּן אִיר חָתָן.

פַארְן קֶענִיג הָאט זִי צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי עֶלְף פַּאנִיס וָואס זֶענֶען פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּ זַיין לַאנְד אוּן קֶענִיגְרַייךְ. פַאר דֶעם זוּן פוּן סוֹחֵר הָאט זִי צוּרִיקְגֶעקֶערְט דִי שִׁיף מִיט דִי פַארְלוֹירֶענֶע סְחוֹרָה אוּן נָאךְ סְחוֹרוֹת. אוּן פַאר דֶער קֶענִיגְ'ס זוּן דֶער אֶמֶתְ'ער חָתָן וָואס זִי הָאט שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִים - הָאט זִי גֶעזָאגְט: "לָאמִיר אַהֵיים פָארְן", אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים.

דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן אוּן דוּרְכְגֶענְג וָואס זִי אִיז אַרִיבֶּער אִיז נִישְׁט צוּם פָארְשְׁטֶעלְן. וִויפִיל פְּלָאג, נִסְיוֹנוֹת, אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, נְסִיעוֹת אוּן מְנִיעוֹת. אוֹי, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען.

אוּן אָט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע אוּן פְרֵיילִיכְסְטֶע מִינוּט אִין אִיר לֶעבְּן. זִי אִיז זוֹכֶה צוּצוּגֵיין צוּם שְׁפִּיץ. זִיךְ שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיי דִי חֲתוּנָה מִיט אִיר אֶמֶתְ'ער חָתָן - אִיר לֶעבְּנְס בַּאגֶער, אוּן זִי זָאגְט אִים מִיט אִיבֶּערַאשׁוּנְג: "יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַהֵיימְצוּגֵיין", צוּ אַ שְׁטוּב וָואס אִיז דוּרְכְאוֹיס גוּט, אַ יוֹם שֶׁכֻּלוֹ טוֹב. פוּן יֶעצְט הָאבְּן זִיךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען גֶעעֶנְדִיגְט. אַלֶע שְׁוֶוערֶע דוּרְכְגֶענְג אוּן צֶעמִישְׁטֶע טֶעג. אָט גֵייט מֶען צוּ דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעוַוארְט צוּ דֶעם...

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעוָוארְנְט מֶען זָאל אַ גַאנְצְן לֶעבְּן גֶעדֶענְקֶען פוּן יֶענֶע וֶועלְט. רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן נִישְׁט אָפְּגֶעטוּן פוּן זַיין זִכָּרוֹן דֶעם אֵייבִּיגְן תַּכְלִית, הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר זַיין פְּטִירָה פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען זָאל אִים פָארְלֵיינֶען דִי צְוֵויי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשִׂיוֹת אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת. וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער: "אוּן יֶעצְט, בֶּן הַמֶּלֶךְ, לָאמִיר אַהֵיים פָארְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אַהֵיים." הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְ'חַזֶרְ'ן דִי וֶוערְטֶער. דַאן הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט מֶען זָאל זִיךְ אַהֵיים-קֶערְן".

המשך אויף זייט 8